NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13026

# ZUN-FEYGELEKH

H. Danilyevitsh

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודישע קינדער=ביבליאטעק.

הערשעלע.

I.

# זון=פֿינגער.

א זאמלונג

לידער פֿאַר יודישע קינדער.

פֿערלאג: לאזאר קאהאן.

# Sun-Feugelech.

## Eine Sammlung jüdischer Kinderlieder.

Geprüft und auch für Ausfuhr freigegeben unter Nr. 16996 K. D. Presseabteilung, Lodz, d. 5. März 1918.

# זון-פינגעלער.

א מתנה מײַן ברודערן,
זוהן שמואל ד.

נעם איך מיר אַ שפּיגעלע,
שטעל מיך קעגן זון:
שפּרינגען זיך זון-פינגעלעך,
אויפן װאַנד הערטון.

פרײען זיי די קינדערלעך,
פּאַטשקען מיט דער האַנד;
װען איך אַב דאָס שפּיגעלע,
בלײַבט זיי קאַלט די װאַנד.

חידושלען זיי פערװאונדערט,
אונ׳ם כשוף-שײַן:
ס׳איז די װעלט אַ רעטעניש —
שפּאַנגעלט איך נאָר אײַן!

# צו דער זון!

ווײַז דיך, זון, די העלע זון,
ווײַז דיך אויפ'ן הימעל!
ברעך די וואלקען־כמארעס דורך —
וועק די וועלט פון דרימעל...

פרירט א ברעמטעל, פאלט א שניי,
קומט א ראב געפלויגען —
ווארף אויף איהר דײַן בייזען בליק,
ברען איהר אויס די אויגען...

פײַפט א שטורם, בלאזט א קעלט —
טרײַבט דאס אײז צוזאמען;
שיק אראב דײַן ווארים ליכט,
שמעלץ עס דורך מיט פלאמען...

ווערט א נעבעל, יאגט א ווינד,
שפריצט אראב א רעגען;
אייל זיך אויס דײַן פוטערפאס —
גילדט איהם אב די וועגען...

בליהט א בוימעל, גרינט די ערד,
כאפט זיך אויף דאס טײַבעל;
שפרייט איהם אויס דײַן הייסען שטראהל,
גרים זיי ליב מיט שמייכעל...

קלאפט א דונער, בלענדט א בליץ,
שרעק נישט פאר'ן טײַוועל;
ברעך די וואלקען־כמארעס דורך —
וועק די וועלט פון דרימעל.

# מ א י.

דער הימעל איז לויטער און ריין איז די לופֿט,
עס באָדט זיך די הון, הי אין הפט.

עס שפּיגעלט זיך ליכטיג דער קלאָר־דעלער טײַך,
און פּוצט זיך גין־גאָלדען און רײַך.

עס פֿינקלען די פֿעלדער בעבלומטע און חן,
פֿערצירט אַזוי פֿריש, אַזוי פֿײַן.

יעטוועדערע פֿיהלט זיך בעגײַסטערט און פֿרײַ,
דערפֿרישט און בעגליקט פֿון׳ם מאַי.

# מאַי־גלעקלעך.

די בעכער פֿול מיט אַראָמאַט,
און האָניג־געלב די בעקלעך;
ציבליהען זאַנפֿט אין מאָרגען־גלוט,
די פֿרעכטיגע מאַי־גלעקלעך.

די קעפּ געקרוינט אין זילבער־טוי,
פֿון ווינד געקרייזט די לעקלעך;
ציקלינגען לויט אין פֿריהלינגס־גלאַק,
די פֿרעכטיגע מאַי־גלעקלעך.

דאָס לײַב געציערט אין גרינעם זײַד,
די שפּיצען — בינט, און עקלעך;
צישײַנען הויך אין זונען־ליכט,
די פֿרעכטיגע מאַי־גלעקלעך.

דאָס אויג בעטהעדעט; די ליפּען — פֿריש,
בעגורט מיט שטאַנג און שטענגלעך;
פֿערגרינען שטאַרץ, געשטאַלט און פּראַנג,
די פֿרעכטיגע מאַי־גלעקלעך...

# ל״ג־בעומר.

ל״ג־בעומר, ל״ג־בעומר,
געהען מיר אין װאַלד:
אין הילען, אין הילען,
פרעהליך, יונג און אלט.

די בוימער, די בוימער,
בליהען פריש און גרין;
אין מורמלען, אין מורמלען,
מעשה׳לעך אהן זין.

די פויגעל, די פויגעל,
שוועבען פראַנק און פריי;
אין פיפצען, אין פיפצען,
לידעלעך אַלערליי.

מיר שפאַנען, מיר שפאַנען,
פיל אין בויגען אויף;
אין צילען, אין צילען,
טרעפען הויך אַרויף.

פיף און פאַף —
הים און טראַף,
שיסט מען אין האַר חיים;
לויפט אַוועק,
אויף פאַר שרעק —
פלאַטערט מען פון פרייד.

# זומער.

די ערד איז גרין, די ערד איז בונט,
דער הימעל בלוי און לויטער;
די זון צעבלאַמט און פֿייער־גליט,
דער מזרח ברענט אַלץ הויכער.

די גרויע שאָטען בעדעד אויף פֿעלד,
און װאַלד די באָרדע פּלעקעגען;
צעהוידען צאַרט און פֿאַרבען־טויש,
און גרינס זיך צו בעריסטעקען.

די פֿוהרען־הײַ און פֿילען גאַנג,
די פּויערים בײַ די לייצען:
בעוועגען זיך מיט קורצע טריט —
די פֿערד און שפּאַן צו רייצען...

די מידע ווײַבער — נעבען שוועל,
די קינדער — די צעפּיסען,
דערהויבען זיך מיט פֿרישען מוט,
די טאַטעס צו בעגריסען.

די ציג און הויף, דאָס קאַלב און שטאַל,
צעבלעקען מיט תחנונים — — —
עס ווײַזען זיך די קיה צום מעלק,
און שטעלען זיך בײַם ברונעם.

# א בעגינע.

אַ הינטעל ציטערט וואַכט פֿונאַנדער,
אַ ליפּטעל גיט געהיים אַ בלאָז;
און וועלען שלענגלען, וועלען הויבען,
און שטיל צו־ווינט זיך ס׳יונגע גראָז.

דער נעבעל הויבערט לייכט פֿונאַנדער,
דער טוי צושימערט וועל אין שיין;
און דורך די וועגען, דורך די ביימען,
פּרעט וויחער פֿריש דאָס לעבען איין.

די שטילקייט ניכטערט לייכט פֿונאַנדער,
צו־זיבעלט פֿינסטער אַלין פֿון שלאָף:
און אויף די שטעלער, אויף די הויפֿען,
בעוועגט זיך פֿרום די הערדע שאָף.

אַ הינדעטעל האָדקעט לויט פֿונאַנדער,
עס מעקעט איינזאַם, ווייט אַ קיה:
און איבער דערנער, איבער קוימען,
צוקייקעלט בלוי אַ רויך אין הויך...

אַ ליבע וואַרים שפּריים פֿונאַנדער,
פֿערלאָכט, וואָס הייבט מיך אין וועג;
וואוהין? וואהין? — איך וויל נישט וויסען,
צו־ווען? צו־וואָס? — נישט פֿרעג, נישט טרעג.

# אַ זומער־טאָג.

די זון איז צופאַקערט, די זון איז צופריגט,
עס באַקען די שטראַהלען און פלאַמען;
די דעכער צובויגען, עס קרימען די ווענד,
עס שרומפען די שינדלען צוזאַמען.

עס גלידען די שטיינער, די שוועלען און גאַס,
עס פייערט דער אָטעם דערשטיקענד;
עס רינצעלט ביים ברונעם דאָס הילצערנע פאַס, —
דער באָדעם צולעכצט זיך צוטריקענט.

די לעדען, די פענסטער צודרעדעטע פון היץ,
צושפּאַלטען דער קיט אין די שויבען;
דער עולם צופריגעלט, געבראָטען אין שוויץ,
די ווייבער אוש טרייסלען די הויבען.

אין מאַרק די חזירים, ביים קרעטשעם די פערד,
צופרייכען פערמאַטערט און סאָפען;
די גוים, די גויעס, צוליגט אויף דער ערד,
בעשאָטענט פון וואָגען צוקאָפען...

די קינדער אין חדר צודרוימעלט אין היים,
דער רבי צוהאַרכעט דעם שטערן;
די אָפענע ספרים פערגעלטע פון שווייס —
קיין בלעטעל נישט איבערצוקערהען.

די ליפעלעך ברוגז, די אויגעלעך מיד,
די הויזען צושפּילעט, אָהן קנעפּלעך;
פערהאָרעט צום באָדען — ווי ס'שלעפּט זיי און ס'ציהט
געהענגט צו דעם דרויסען די קנעפּלעך...

# קינדערעד.

זומער־ליעב, אין גערטעלע,
ליכטיג איז אין וואַרימליך;
אויפ׳ן פיטער־פעסעלע
פלאַמט די זון הערבאַרעמליך.

נאַקעט, אין די העמדעלעך,
זיצען ליב די קינדערלעך;
שפּילען זיך אין זעמדעלעך,
אַזוי פײַן אין וואַנדערליך.

די בעחנטע לאָקעלעך,
גלאַנצען בלאַנק אין קרייזעלעך;
טויענד טעם די בעקעלעך,
בליהען, ווי די רויזעלעך.

די צופרענטע אויגעלעך,
פרעהליך אַלין אנקוקענדיג,
פונקלען ווי ביי פויגעלעך —
זיך פון הימל דערקוויקענדיג...

יעדער מיט די הענדטעלעך,
גראַבט זיך אויס אַ גריבעלע;
קלעבט אַהים די ווענדטעלעך. —
מויערט זיך אויס אַ שטיבעלע.

דעקט מיט שטרוי זיין כאַטקעלע,
צוימט עס אײַן אין הויפעלע,
שאַפט זיך באַלד אַ מאַטקעלע,
אויס אַ שיך — אַג׳עופעלע.

זעצט זיך אויס אַ פערדעלע,
שטעלט עס פאַר אַ טישעלע;
חפט צינויף אַ סעודה׳לע —
טיילט זיך מיט׳ן קרישעלע.

סטרויעט מען א בעקערײַ,
מ'קנעט פֿון ליים די שטריצעלעך;
ווערט א גאנצע נעקערײַ —
יעדער וויל צו פּיצעלעך...

עפֿענט מען א קרעמעלע,
אין'ם שענסטען דירה'לע —
פֿאַר'ן בעסטען זעמעלע,
צאָהלט מען א פּאַפּירעלע.

אַזוי פֿורעט זיך סקרענצעלע,
נאָר געבעל-הבית'י וועט!
ביז מען כאַפּט א טענצעלע,
און אַלץ ווערט צוטראַטעוועט...

# שבועות'לעך.

קויף איך מיר שבועות'לעך —
פּ'שטיבעל אויסצוצירען:
קלייבען זיך די קינדערלעך
נעבען די קוואַטירען.

טראָג איך נאָהנט צום פֿענסטערעל,
וויל אָהם די שיבען:
רייסען זיי די קנעפּעלעך
קענען מיר נאָך איבען.

שטעל איך אויס די פּליצעלע —
רייטער אין סאָלדאַטען:
שרעקען זיי — די ביקסעלעך
זאָל זיי נאָר ניט שאַדען...

סדר איך די חיהלעך:<br>
לייבען, טיגער, בערען;<br>
ביילען ווי די פויסטעלעך —<br>
שמשון'ס גלייך צו וועררען....

אקסען, קיה און קעלבעלעך,<br>
לעמער, שאף און ציגען;<br>
שנייקען ווי די ליפעלעך,<br>
מעקען — א בערעניגען...

היק איך ענג די פויגעלעך,<br>
פראנק און פריי אין רייהע;<br>
הויבען ווי די פיסעלעך,<br>
פיפצען — א מחיה...

פאר איך האלף און שעפסעלע,<br>
הירשען ביי די ווייטען:<br>
קלאטשען ווי די הענדעלעך:<br>
ס'איז משיח'ס-צייטען!...

פלאמט די זון אין הימעלע,<br>
הילעכט אים „אקדמות";<br>
ווישלען ווי די בעקעלעך,<br>
ווארטען אויף נחמות...

קלעב איך גרינס אין גרעזעלעך,<br>
פלעכט א מגן-דוד:<br>
הילען ווי צופרידענע —<br>
טאקע איהם לכבוד!

אזוי קוועל איך שעהענווייז,<br>
שפיל מיך מיט די קינדער,<br>
ביז עס קומט דער מאמעניו,<br>
קישט מיך פאר'ן וואונדער...

# אין וואַלד־גן־עדן.

ווידער גרין און ווידער העל,
ווידער גראָז און בלימען;
איך צעשמייכעל זיך און קוועל,
פרעהליך דורכנעמען...

אייך דערהייטערט אין פערלויף,
אונז וואַלד אַריבער:
קלעטער הייבט א בוים אַרויף —
קוק די געגענד איבער...

איך דערפריש מיך אין געזאַנג,
שפרינג פון בוים אַהינטער:
פלעכט פונאַנדער בונט א קראַנץ
פיל מיט בלימען, — מינטער!

איך צוהיליע מיך, צוזינג
פיל מיט פערטענונגען:
פיהל מיך ליכטיג, פריש און יונג,
לעבעדיג פון ניגון.

שוואַלב און פויגעל פראַנק און פרי,
העלפען מיר און פרייהען,
איך בעגייסטער מיך ווערבי,
פלאַטער אין גן־עדן...

# אויפ'ן בריקעל.

שטעה איך אויפ'ן שמאָלען בריקעל,
קוק צום וואַלד אַהינטער;
זעה איך, ווי די זון אין הימעל
גייט אין מערב אונטער.

קריך איך איבער דעם געלענדער,
שמייכעל איהר פון ווייטען;
ווענדעט די אַב פון מיר דאָס פּנים,
טראָגט דיך אַב בעזייטען.

גלייך איך אויס דעם קאָפּ, די פּלייצעס,
גריס איהר מיט די בליקען;
טאַפּט איהר ישראַהל מיך פאַר'ן אויער:
וואָלסט מיר נישט נאָכקוקען...

# אין שטראָם.

דאָס טייכעל שוימט,
דאָס וואַסער שטראָמט,
די וועלען לויפען, יאָגען:
עס שווימט אַ כאָר,
פון קרויזען-האָר,
געוואַשען און געצוואָגען.

אַ ווינטעל קיהל,
צווינט דיך שטיל,
און קעמט זיי גלייך און לאָקען;

אין בלעכט ווי אוים,
אין ווילבער שטרוים,
פערציטערט אין צושראקען...

א זון-געשטראהל,
פערכאפט א וואל,
אין גילדט איהר אב די ברעמען;
די שעמערדט,
פון ליכט געציירט,
די שוועסטער צו פערשעהמען.

עס שטורמט אויף,
אין ווילד געלויף,
א מחנה שפליטער-שפריצען:
א פערל-קראנין,
אין בונטען גלאנץ,
דעם וועג ווי צו פערבליצען...

עס שפרינגט אהער.
פון ווייט אין קווער,
א חייל פריש געטראגען;
דאס טייכעל שוימט,
דאס וואסער שטראמט,
די וועלען לויפען, יאגען...

# די גרעגערהע .

## (לעגענדע).

אינ'ם קליינעם וועלדעלע,
נעבען שטילען טייכער,
וואוינט א כשוף-מאכערין,
אין איהר גרינעם היכל.

זומער-לעבן, די קינדערלעך
גיסט זיך באדען, שווימען, —
ווערט מען אפט פארצאפלעטע,
פאר איהר ווילדען ברומען.

— דארטען וואוינט א גנבטע —
נעהמט מען זיך פארשטיצען, —
וואס פערגנבעט יונגעלעך,
אין דערטרינקט אהן וויסען.

יעדער בלייבט אין ציטעריש,
שרעקט זיך אינטערטיקען, —
בלעזלען זיך די וועלעבלעך,
אפשר איז מכשף....

נאר איין אייזיק-וועלוועלע,
ווייס נישט פון קיין מורא —
ווילט זיך מיט זיין בריה'שאפט,
רייצט זיך מיט דער „סחורה"...

איינמאל דאך, ל"ג-בעומר-צייט,
האט ער זי געפאנגען:
ווער עס איז די גרעגערקע
איז מען באלד דערגאנגען.

דעמאלט װערשט צופרידענע,
פלעגען מיר צולאכען:
פרובען אונז די עלטער'ן
פחד אנצומאכען...

אבער, גראד אין תשעה-באב,
מ'האט זיך פריש געבאדען,
האט די אײזיק-װעלװעלע'ן
צו דעם דין געלאדען...

טרויעריגע, בערא'מערטע,
פלעגט מען זיך צוקװעדלען:
װען מען גערט אונז מוסר'ן
ד'מעשה אונז דערצעהלען:

אונם קריינעס װעלדעלע,
נעבען שטילען טײכעל,
װאינט א כשוף מאכער'ן.
און איהר גרינעם היכל.

# אין װאלד.

דער װאלד איז פערצװייפעלט,
דער װאלד איז פערטרויערט: —
עס האט איהם צו־װעניג
דער זומער געדויערט.

עס קראקען די ראבען,
עס ברומען די װינדען,
עס קרעכצען די דעמבעס,
עס זיפצען די לינדען.

עס הערט זיך א הײלען,
עס װײנט און עס ליערט:
דער װאלד איז פערצװייפעלט,
דער װאלד איז פערטרויערט...

## הערבסט.

די אלול-נאַכט איז שוואַרץ און גרוי,
עס וועהט זיך נישט קיין שטערען;
דער הימעל שלאָבצט אין בענקעניש,
און שטיקט אין זיך די טרערען.

די גאַסען קויטיג, פֿייַכט און נאַס,
פֿון טרויער הורבענומען;
בעוואַשען זיך אין ציטערניש,
און שווייַגען שטיל און שטומען.

די לאַמפען-פֿלעמלעך ברענען טריב,
ווי אומעטיג די שייַנען!
עס נעהמט אַזוי א קלעמעניש,
מען קען פֿון צער נישט וויינען...

## רעגען.

עס גיט א קנאַק אַ דונער,
עס פֿלאַקערט אויף א בליץ;
יעטוועדער ווערט דערציטערט,
געקלאַמערט פֿונ'ם היץ.

מען קוקט אַרויף צום הימעל,
מען מורמעלט עפּעס טריב;
עס פֿאַלט אַראָב א רעגען,
און טרייסט אונז אויך ליב...

## מײַן מזל.

אויף מײַן קלאָרען העלען הימעל,
האָט זיך מיר אַ וואָלקען-פלעק:
איך דערציטער פאַר'ן נעבעל —
פאַר מײַן מזל האָב איך שרעק.

דאָך דער נעבעל ווערט צעהונגען,
פאַר מײַן ציטערדיגען בליק;
און מײַן הימעל שײַנט מיר ווידער —
גליקליך איז מײַן מזל צוריק.

## דער ערשטער שנײ.

דער ערשטער שנײ, דער ערשטער שנײ,
איז אויפ'ן גאַס געפאַלען:
און אַלע היקענס ציטערען,
מען הילט זיך אין די בעטענען —
אַ'אַנדער זון וועט שטראַהלען!...

דער ערשטער שנײ, דער ערשטער שנײ,
און קינדער איגען בליצען:
מען גרייט זיך צו די נעבטעלעך, —
מען קויפט פאַפיר און ליכטעלעך —
לאַמטערען זיך צו שניצען...

דער ערשטער שנײ, דער ערשטער שנײ,
עס הויבען די געבעטען:
די יונגע שטיפען, הילענען,
זיך היימיש צו בעראַטענען —
עס וועט באַלד געהן דער שליטען.

דער ערשטער שנײ, דער ערשטער שנײ,
מען שפּאַרט קיין האָלץ און פייער:
די באָבע זיצט די בעהערען,
ס'וועט אַרבײַט זײַן פאַר יעהערען —
די מעשׂות וועגען טײַער!...

# חנוכה.

קומט דער ליבער חנוכה,
צינדט מען אן די ליכט;
האלטן אום די קינדערלעך,
פרעהליך אויפגעריכט.

לעדיג גאנצע אטענדען,
פריי פון חדר־יאך;
היליעט מען אויף קערמישען,
גאר די גאנצע האך.

טיף פערחוקט די באטליקעס,
ווארים אנגעפילצט:
שפאנט מען צו די אייגענע, —
פונ'ם יונגסט ביז עלטסט.

איינגעהייצט אין אויוועלע,
ליכטיג אין געצעלט;
קלויבט מען זיך אין חברה,
ווייזט מען זיך דאס געלד...

שמעקט פון פאן מיט לאטקעלעך,
פרעגעלט זיך דאס שמאלץ;
כאפט מען זיך צום שפילעניש,
קריגט מען זיך אין אלץ.

אויפ'ן טיש דאס טרענדעריל,
אויפ'ן טאץ דעם קאהן;
קוקט מען אויף די אותיות —
ווער מען זאגט עס אן?

מאכט זיך נאר א שטיינערל, —
הערט מען'ס אויס געשיקט;
שטעלט זיך גראד א טרעפעניש —
פיהלט מען זיך בעגליקט...

גערט עס איינעם אימעטיג,
פאלט אידם שלעכט דער גאנג;
בריה׳ן דיך די עלטערן —
לאזען נישט אין צוואנג....

פיל די טאש מיט גראשענעם,
גריזען אויפ׳ן טיש:
פראזעם מען די וויעטשעריע
אב, געוויגר אין בריש.

דרויסען קנאקט א פראָסטעלע,
באלט א שניי געדיכט — — —
האלטען אים די קינדערלעך,
פרעהליך, איינגעריכט...

## שניֵעלעד.

זילבערנע שנייעלעך,
לויטערע פליטערלעך:
העלע שטערעלעך,
ווייסענע צוויטערלעך.

צערטעלעך קליינינקע,
קלינערלעך ליכטיגע:
קייקעלעך ריינינקע,
העדליכע, ציכטיגע.

פלאטערענדע פליהערלעך,
שטערענדלעך פאלענדע:
פינטעלעך, גליהערלעך —
גלאנציגע, שטראהלענדע.

צאצקעלעך פינקלענדע,
סודות׳דיגע שפילענקע,
גלענצערלעך שמינקלענדע, —
פראסטינע, קיהלינקע...

# ווינטער.

שנייעלעך, פלימערלעך, שיטען און שיטען,
הילען אײַן דעכער און ווייסער:
קינדערלעך ליבענדע שליטען בײַ שליטען,
מוילען זיך, יאָגען זיך הייסער.

אייגעלעך, פייעריג בלינצלען און פלאַמען,
הערצעלעך קלאַפען און קלאַפען;
ליפּעלעך שמייכלענדע, ציהען צוזאַמען,
קענען דעם אָטעם קוים כאַפען.

פנימלעך, ליכטיגע, רויטלען און קוועלען, —
הודלען זיך ליבער און ליבער:
פרעהליכע, לוסטיגע, יובלענדע כוועלען,
גיסען זיך, הינקען זיך איבער.

פּאָרקאָרעס, בלאַנקענדע, פּלעסקען און וועקען,
גלעקעלעך קלינגען און קלינגען:
טויזענדער לאַכענדע קולות ענטפלעקען,
בלייבען אין טומעל פערשלונגען.

רוהענדיג, לעבעדיג, טריטען נאָך טריטען,
זיפצען די פערד מיט די שמייסער:
שנייעלעך, פלימערלעך, שיטען און שיטען,
הילען אַלין דעכער און ווייסער.

## די בייזע שוואַרצע קראָה.

ווייסער שניי און ווייסער פראָסט,
אַלץ אַרום איז ווייסען;
נאָר די בייזע שוואַרצע קראָה,
פלאַטערט, ווי צעפליקען.

גרויער אייז און גרויער באָן,
אַלץ אַרום איז גרויען;
נאָר די בייזע, שוואַרצע קראָה,
לויערט — נישט צו טרויען...

קאַלטער טוי און קאַלטע לופט,
אַלץ אַרום איז קאַלטען;
נאָר די בייזע, שוואַרצע קראָה,
קראַקעט הילד, באַהאַלטען...

ווינטער־ווינד און ווינטער־שטורם,
אַלץ אַרום איז ווינטער;
נאָר די בייזע, שוואַרצע קראָה,
זוכעט פריי און זינגער — —

## 2 פויגעלעך.

2 פויגעלעך אין ווינטער —
פראָסטיג איז געווען, —

האָבען זיך הערזעהן
און פענסטערעל אַקעגען.

און שטערנדעלע פערבריהען,
וואַרים אויפ'ן ברוסט,
הערצעט אינם מיט לוסט,
איך קעטענדליגן א קוסט.

דאָס טריטערען איז פרעהליך,
גליקליך קלינגט די שטים,
אויפ'ן הויף אַרום
דאָס צווישטשערען פערהילעכט...

דאָס אַנדערער אויף דרויסען —
פרייערינ און גערוהרט,
ציטערט קראַנק און פערוהרט
אין קרעמעניש און הונגער.

דאָס יאָמערען איז ביטער,
שרעקליך איז די מוטער:
היינטער קומט אַרער
דאָס טורמעלען צוזאַמענאָט...

ווי חלומען און בענקען —
ער און זי אין הארץ;
יעדער מיט זיין שמארץ
פון עלענדקייט פערחלשט...

# דעם בוימ׳ס סוף.

ניט ווײַט פֿון וועג און מיטן פֿעלד,
געפֿרוירן פֿון דער גרויסער קעלט,
שטעהט איינזאַם שטיל אַ חיסטער בוים,
פֿערחלומט, ווי אין מיטן טרוים.

עס פֿאַלט אַראָב אַ ווײַסער שניי,
בעקליידט איהם אין תכריכים-ניי;
ער בויגט זיך רוהיג צו דער ערד
און בלײַבט אין עולמות פֿערקלערט.

עס קומט אַדורך אַ שוואַרצע קראָה,
און זאָגט איהם אָן: ד׳ פֿראָסט איז דאָ!
ער צאַפּלט-אויף און קרימט זיך אויס
און לאָזט אַ שטימען זיפֿץ אַרויס.

עס גיט אַ בלאַסק אַ שאַרפֿע האַק —
ער ציטערט אויף און גיט אַ קנאַק,
צעטרייסעלט מיט אַ ביין נעבראכס
און פֿאַלט אַנידער בוים און שטאַם.

# בעלי-מלאכות.

## 1.

## א שוסטער.

— וואס איז דאס א שוסטער?
— א וואוילער בעל-מלאכה;
פאר דער וועלט און מענשען
פול מיט מזל-ברכה:

שטעכט די נאדעל, קלאפט די שפילקען,
ציהט די דראטווע גיך:
מעג מען שפרינגען, לויפען, איילען,
און די בלאטעס טויזענד מיילען —
בלייבען גאנץ די שיך.

אזוי שטעכט ער, שפילט ער,
שפארט קיין זיקס, קיין גלאנץ;
ביז מיר האבען שיכלעך
פשוט צו דעם טאנץ.

רעפריין:

וואס מען איז און ווער מען איז,
לערנט א מלאכה:
ארבייט מאכט דאס לעבען זיס,
ארבייט איז א ברכה.

## 2.

# אַ שנײַדער.

— וואָס איז דאָס אַ שנײַדער?
— אַ וואוילער בעל־מלאכה;
פֿאַר דער וועלט און מענשען
פֿיל מיט מזל־ברכה:

פֿאַרבּט די נאָדעל, פֿעדעמט פֿאָדעם,
נעהט לײַכט אויף מאַשין;
טראָגט מען ווינטער וואַר׳מע בגדים,
דאַנקט מען אים פֿאַר זײַנע חסדים,
שענקט מען טרײַ זײַן ווין.

אַזוי שערט ער, נעהט ער,
פֿיל מיט מיה און פֿלײַס;
ביז מיר טראָגען קליידער,
וואַרם, נײַ און ווײַס.

רעפֿריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

## 3.

## אַ בעקער.

— וואָס איז דאָס אַ בעקער?
— אַ וואוילער בעל-מלאכה;
פאַר דער וועלט און מענשען
פול מיט מזל-ברכה:

קנעט דאָס טייג און פלעכט דעם קוכען,
וועלגערט מצות אויס;
חלות, לעקיך צום בערזשענען,
טאָרט און קוגעל — פאַר משיח'ן —
טויזענד טעם דערויס...

אַזוי קנעט ער, פלעכט ער,
באַקט און היצט דאָס ברויט;
ביז מען איז געזעטיגט
און מען ווייס קיין נויט.

ר ע פ ר י י ן:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

## 4.
## אַ טישלער.

— וואָס איז דאָס אַ טישלער?
— אַ וואוילער בעל-מלאכה;
פֿאַר דער וועלט און מענשען
פֿיל מיט מזל-ברכה:

פֿירט די זעג און שפּאַנט דעם הובעל, —
רייבט און גלעט דאָס האָלץ;
שענק און בעטען אינ'ם שטיבעל,
טיש און בענק, דאָס גאַנצע מעבעל,
איז זיין רוהם און שטאָלץ.

אַזוי זעגט ער, הובעלט,
פּאָלעטורט און שניצט;
ביז מען האָט די ווירטשאַפֿט
הערליך אויפגעפּוצט.

רעפריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

## 5.

## אַ שמידער.

וואָס איז דאָס אַ שמידער?
— אַ וואוילער בעל־מלאכה:
פאַר דער וועלט און מענשען
פול מיט מזל־ברכה:

הויבט די צוואַנג און קנעט דאָס אײַזען,
אַזוי לאַנג ס'איז הייס:
לאָזט דאָס פערד אין מיטען ריטען,
מוז מען דאָס פון שמידען הערליינען —
שמידט מען דאָס אויפ'ס ניים.

אַזוי שלאָגט ער, הילכט,
שווייסט דעם פערד די טריט,
ביז מיר קענען ווייטער,
און גאַלאָפּ פערמיט...

רעפריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

# אינהאלט:


זון־פייגעלעך — — — — — — 3

צו דער זון — — — — — — 4

מאי — — — — — — — — 5

מאי־גלעקלעך — — — — — — 5

ל״ג־בעומר — — — — — — 6

זומער — — — — — — — 7

א בעגעגן — — — — — — 8

א זומער־טאג — — — — — — 9

קינדערלעך — — — — — — 10

שבועות־לעך — — — — — — 11

אין וואלד־גערטן — — — — — 13

אויפן בריקעל — — — — — 14

אין שטראם — — — — — — 14

די גרענערקע — — — — — — 16

אין וואלד — — — — — — 17

הערבסט — — — — — — — 18

רעגען — — — — — — 18

מײַן מזל — — — — — — 19

דער ערשטער שנײ — — — — 19

חנוכה — — — — — — 20

שנײעריק — — — — — — 21

ווינטער — — — — — — 22

די בהמה, שוואַרצע ליאה — — 23

צוויי פײגעלעך — — — — 23

דעם בוימס סוף — — — — 25

בעלי־מלאכות — — — — — 26